תזריע תשפ"ד
גליון 186

# דעם רבי'נס ליכט



אַייערע קינְדער זאָלְט איר מודיעַ זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### דֶער שְׁפִּיץ פוּנֶעם יָאר

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין גָאר גָאר אַ הוֹיכֶע צַייט פוּנֶעם יָאר "חֹדֶשׁ נִיסָן". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה'קֶע חֹדֶשׁ נִיסָן און דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "לַשֶּׁמֶשׁ שָׂם אֹהֶל בָּהֶם", דָארְט רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז חֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ חֹדֶשׁ פוּן תְּשׁוּבָה פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, אַז תִּשְׁרֵי אִיז אַ 'תְּשׁוּבָה פוּן יִרְאָה', מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און נִיסָן אִיז 'תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה', אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

ר' נָתָן אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אוֹיף דִי תְּפִלָּה פוּן דֶעם תּוֹרָה בֶּעט עֶר און גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הָאַרְץ פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר זִיךְ מְקַדֵּשׁ זַיין אִין דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים פוּן יָאר וֶועלְכֶע זֶענֶען דִי רָאשִׁים - דֶער שְׁפִּיץ פוּנֶעם יָאר, דָאס אִיז חֹדֶשׁ נִיסָן און חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און צִיעֶן דִי קְדוּשָּׁה פוּן נִיסָן און תִּשְׁרֵי אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין דֶעם תּוֹרָה אִיז אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה און מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ. בִּפְרָט פֶּסַח וָואס דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן פֶּסַח אִיז תְּפִלּוֹת און שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, דֶערְפַאר הֵייסְט טַאקֶע דִי הַגָּדָה פוּן פֶּסַח "הַגָּדָה". דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז פֶּסַח דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן מִיטְן מוֹיל אַזוֹיווִי ר' נָתָן בֶּעט זִיךְ אִין תְּפִלָּה כ':

"הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם צוּ בַּאקוּמֶען דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה און מִיט גְרוֹיס פְרֵייד און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' כּוֹסוֹת מִיט וַויין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן זָאגְן דִי הַגָּדָה מִיט אַ הוֹיכְן קוֹל, מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און הִתְעוֹרְרוּת און מִיט אַ פְלַאקֶערְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת".

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס פִירְט אוּנְז אוֹיפְן אַלְטְן וֶועג פוּן אִידִישְׁקֵייט מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת און גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אִים נָאר מִיר שְׁטְרֶעבְּן און בֶּענְקֶען און ווִילְן גֵיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן.

יֶעצְט אִיז טַאקֶע דִי צַייט טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. וְכָאן הַבֵּן שׁוֹאֵל! יֶעצְט חֹדֶשׁ נִיסָן וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אַרוֹיס בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע גְאוּלָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן אַ מַנְהִיג רַחְמָן וָואס זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערְן גָלוּת און נָאךְ דֶעם יָאר זָאלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן אָמֵן וְאָמֵן.

# א דאַרשט אין טבריה





בַּיים פוּלְן בָּאס סְטַאנְצִיֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען קָאלִירְט מִיט אַלֶע סָארְטְן פַּארְשׁוֹינֶען וַוארְטְנְדִיג אוֹיפְן בָּאס, הָאבְּן דִי צְוֵויי אֵיידֶעלֶע חֲסִידִ׳ישֶׁע אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט אִין זַייט אַרוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט צְוִוישְׁן אַלֶע אַרוּמִיגֶע.

וֶועלְכֶע סִבָּה הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַּאר דִי צְוֵויי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגֶעלַייט - וָואס מֶען הָאט דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵיי אַז זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז זִיךְ צוּ דְרַייעֶן אַרוּם דֶעם בֵּית מִדְרָשׁ, מִקְוֶה, כּוֹלֵל, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי בַּאשִׁיצְנְדֶע מוֹיעֶרְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיים בָּאס סְטַאנְצִיֶע זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אִין וֶועג?

**נָאר אֵיין זַאךְ! - ר׳ שִׁמְעוֹן...**

דֶער צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז אַן אָרְט וָואס דִי חֲסִידִים פְּלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג הָאפְן אוּן בֶּענְקֶען זוֹכֶה צוּ זַיין דָארְט צוּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אוּן בֶּעטְן יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אַזוֹי וִוי דֶער דֶּרֶךְ הָעוֹלָם אַז מֶענְטְשְׁן פָּארְן וַוייט פַּאר דִי הֲנָאוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, פַּאר עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל עוֹלָם-הַזֶּה וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְגִישְׁט פַּארְזוּכְט, אַזוֹי פְּלֶעגְן דִי לַייט פוּנֶעם ׳בַּעַל תְּפִלָּה׳ פָּארְן וַוייט אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרע הֵיילִיגֶע פִּיר-אַמּוֹת כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בֶּעסֶערֶע דַאוֶוענֶען, אַ הֶעכֶערֶע סָארְט פְּלַאץ וָואס קֶען עֶפֶּענֶען דָאס הַארְץ. פְּלֶעגְט מֶען אָפְט זֶען דִי

בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים מַאכְן דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועג קַיין מִירוֹן וָואס דָאס מֵיינְט בֵּייטְן עֶטְלִיכֶע אַלְטֶע פַּאקְרַאכְטֶע בָּאסֶעס וָואס הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט קַיין גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג צוּ פָארְן דֶערִינֶען אַזַא לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג. אָבֶּער דָאס אַלֶעס אִיז אַלְס גֶעוֶוען כְּדַאי, צוּ קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן.

אוֹיךְ דָאס מָאל הָאבְּן זִיךְ דֶער חָסִיד, ר׳ יַעֲקֹב בַּארְזֶעסְקִי זַ״ל אוּן זַיין חַבֵר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג קַיין מִירוֹן. אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין טְבֶרְיָה הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט אַ דָארְשְׁט. זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קְלֵיין גֶעשֶׁעפְטְל אוֹיפְן וֶועג וָואס פַּארְקוֹיפְט אַבִּיסְל טְרִינְקֶען אוּן נַאשׁ. דֶער פַּארְקוֹיפֶער וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען לַיידֶער מִיט אַ הוֹילְן קָאפּ, וִוי נָאר עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט דִי צְוֵויי חֲסִידִ׳ישֶׁע אִינְגֶעלַייט אַרַיינְקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ קַאפְּל אוֹיפְן קָאפּ צוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ שֶׁהַכֹּל אוֹיף דִי טְרִינְקֶען הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, ׳אָמֵן׳ אוֹיף זֵייעֶר בְּרָכָה. זֶעט אוֹיס אַז זַיין אִידִישֶׁער פוּנְק הָאט נָאךְ גֶעבְּרֶענְט.

דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַבִּיסְל וַואסֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער דֶער פַּארְקוֹיפֶער הַאלְט זֵיי נָאךְ אוֹיף.

״אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אִיבֶּערְזָאגְן עֶפֶּעס אַ גוּט וָוארְט?״ הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן? ״עֶפֶּעס וָואס אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען?״

״ר׳ יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָרִיעֶנְטִירְט אוּן הָאט אִים

גֶעוואָלְט אִיבֶּערְזָאגְן עֶפֶּעס אַ דִבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אִין יֶענֶע מִינוּט אִיז אִים אַלֶעס אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן קָאפּ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקְט. עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעשֶׁעְן מִיט אִים אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט קַיין שׁוּם דִבּוּר פוּן רֶבִּי'ן? עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ הִימְל אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים אַרַיינְשִׁיקְן עֶפֶּעס אַ דִבּוּר אִין זַיין מוֹיל עֶר זָאל קֶענֶען מְחַיֶה זַיין דֶעם אִיד, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה הָאט אַ וָוארְט אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אִין זַיין גֶעדַאנְק:

״אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁאֶפְשָׁר לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁאֶפְשָׁר לְתַקֵּן,״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם פַּארְקוֹיפֶער. ״אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן [צֶעבְּרֶעכְן] דַאן גְלֵייבּ אַז מֶען קֶען פַארֶרעכְטְן!״ דֶער פְּרַייעֶר פַּארְקוֹיפֶער הָאט גֶעהֶערְט אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט. דִי צְוֵויי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

דִי יָארְן זֶענֶען גֶעלָאפְן, שְׁנֶעלֶער וִוי עֶס הָאט גֶעדַאכְט. עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָאר זַייט יֶענֶעם אִינְצִידֶענְט, אוּן ווִידֶער הָאט דִי הַשְׁגָּחָה צוּגֶעפִירְט אַז ר׳ יַעֲקֹב מִיט זַיין חַבֵר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין דֶער שְׁטָאט טְבֶרְיָה נֶעבְּן דָאס קְלֵיין גֶעשֶׁעפְטְל צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן זֵייעֶר וֶועג, אָבֶּער אָט זֶען זֵיי אַ צְוֵוייטֶער פַּארְקוֹיפֶער, אַ אִיד בַּאצִירְט מִיט אַ בָּארְד אוּן אַ קַאסְקֶעטְל אוֹיפְן קָאפּ. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסִירְט אוֹיפְן פְרִיעֶרְדִיגְן מוֹכֵר וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט, אָבֶּער דֶער פַּארְקוֹיפֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען צוּם פַּארְקוֹיפְן בַּיי זַיין גֶעשֶׁעפְטְל חוּץ עֶר.

זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶוען אִינְצְווִישְׁן זָאגְט זֵיי דֶער פַּארְקוֹיפֶער: ״אֶפְשָׁר זֶענֶען אִיר אָט דִי צְוֵויי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן מִיר אִיבֶּערְגֶעזָאגְט עֶפֶּעס אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער וָוארְט מִיט אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק? וַוייל אָט דִי גֶעצֵיילְטֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן צְוֵויי חֲסִידִים הָאט מִיר זֵייעֶר גֶערִירְט דָאס הַארְץ, אוּן זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן וואוּ אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. אִיךְ הָאבּ לַיידֶער גוּט גֶעוואוּסְט בַּיי מִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ קַאלְיֶע גֶעמַאכְט מִיט מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען בִּכְלַל פַארֶעכְטְן. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען מְיוּאָשׁ בַּיי מִיר צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער דֶער דִבּוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט הָאט שְׁטַארְק גֶערֶעדְט צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן אַ הָאפֶענוּנְג. אוֹיבּ מֶען קֶען קַאלְיֶע מַאכְן קֶען מֶען אוֹיךְ פַארֶרעכְטְן. ס'אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ דָאס צוּ הֶערְן.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר צוּבִּיסְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּישְׁן מַיין לֶעבְּן. קוֹדֶם מִיטְן הִיטְן אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. מִיט דִי צַייט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַבִּיסְל אִין שׁוּל אַרַיין, בִּיז אִיר קֶענְט מִיר יֶעצְט זֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וִוי אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט. אִיךְ לֶעבּ אַ עֶרְלִיכֶער לֶעבְּן מִיר מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ פִּיר זִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל.״

דֶער פַּארְקוֹיפֶער הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אִים גֶעשִׁיקְט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלִיחִים אִים צוּ צוּרִיק קֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע דֶערְמַאנְט דֶעם דִבּוּר וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְרַאשְׁט ווִי אֵיין דִבּוּר פוּן רֶבִּי'ן קֶען מַאכְן אַזַא מַהְפֵּכָה, אַז עֶס הָאט אַזַא כֹּחַ. וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת קֶען אִים דָאס אַלֵיין אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע אוּן אִים גֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גְעוֶוען – מַחֲמַת עֶר קֶען שׁוֹין אַהִין נִישְׁט קוּמֶען [ווייל עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט דָאס 'כְּתָב'] – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם 'מֶלֶךְ' פוּן דֶער 'מְדִינָה' – אוּן הָאט אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְט גָאר זַיין 'הָארֶץ', אוּן אַז עֶר אִיז אִיר 'חָתָן', אוּן אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִים וִויל זִי קַיין אַנְדֶערְן 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט – אוּן מַחֲמַת [ווייל] עֶר קֶען אַהִין נִישְׁט קוּמֶען – דְרוּם [דֶעריבֶּער] גִיבְּט עֶר אָפּ אַלֶע 'סִימָנִים' וָואס עֶר הָאט, צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' – דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן וַואסֶערְן' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל זִיךְ גֵיין אַהִין – וֶועט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר – אוּן [פַאר] אִים, זָאל עֶר גֶעבְּן 'גֶעלְט' דֶערְפַאר!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' דֶערְקֶענְט: אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען 'אֱמֶת' – וָוארְן מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן דֶעם 'הָארֶץ'!

אִיז דִי זַאךְ דֶעם 'מֶלֶךְ' גֶעפֶעלְן – נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גְעוֶוען: אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט זִי [דֶעם קֵיסָר'ס טָאכְטֶער] דָא בְּרֶענְגֶען אַהֶער, אוּן דֶער 'בָּחוּר' וֶועט דָא זַיין – אִיז זִיךְ פַאר אִים [דֶער מֶלֶךְ] נִישְׁט גוּט – זָאל עֶר אִים הַרְגֶ'ענֶען? – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט טָאן אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – וָוארְן פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נָאךְ הַרְגֶ'ענֶען, פַאר דֶער 'טוֹבָה' וָואס עֶר הָאט אִים גֶעטָאן.

בְּכֵן [דֶעריבֶּער], הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' מְיַישֵּׁב גְעוֶוען: "עֶר וֶועט אִים פַארְשִׁיקְן אוֹיף צְוֵויי־הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט"!

הָאט עֶס אִים [דֶער בָּחוּר] זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, נָאךְ [אוֹיף] וָואס עֶר פַארְשִׁיקְט אִים, פַאר אַזוֹי אַ [אַזַא] 'טוֹבָה' ווִי עֶר הָאט אִים גֶעטָאן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דָארְט אוֹיךְ, צוּ אַ 'אַנְדֶערְן מֶלֶךְ' – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי דֶערְצֵיילְט, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (דְהַיְינוּ דֶער 'בָּחוּר', דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – ווייל ס'הָאט אִים פַארְדְרָאסְן [אוֹיף] וָואס דֶער 'עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ' הָאט אִים פַארְשִׁיקְט – אִיז עֶר [דֶעריבֶּער] גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ 'אַנְדֶערְן מֶלֶךְ', אוּן הָאט יֶענֶעם אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, מִיט אַלֶע 'סִימָנִים' – כְּדֵי דֶער 'אַנְדֶערֶער' זָאל גִיךְ לוֹיפְן נֶעמֶען דִי 'יְפַת־תּוֹאַר') – אוּן הָאט אִים מוֹסֵר גֶעוֶוען [אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן] אַלֶע 'סִימָנִים'!

אוּן צוּ דֶעם 'אַנְדֶערְן' [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר נָאךְ מוֹסִיף גֶעוֶוען [צוּגֶעלֵייגְט] מֶער אַ 'סִימָן'!

אוּן עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן הָאט אִים מְזַרֵז גֶעוֶוען: "אַז עֶר זָאל תֵּיכֶף פָארְן – טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען יֶענֶעם 'מֶלֶךְ' אִיבֶּערְיָאגְן – כְּדֵי עֶר זָאל פְרִיעֶר קוּמֶען אַהִין – אוּן אֲפִילוּ אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט נִישְׁט פְרִיעֶר קוּמֶען – הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַ 'סִימָן' מֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן"!

אוּן דֶער 'אַנְדֶערֶער' [מֶלֶךְ] – הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען ווִי דֶער 'עֶרְשְׁטֶער' [מֶלֶךְ] (אַז ס'אִיז פַאר אִים נִישְׁט גוּט אַז דֶער 'בָּחוּר' זָאל דָא זַיין)!

הָאט דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ' אִים אוֹיךְ פַארְשִׁיקְט, אוֹיף צְוֵויי־הוּנְדֶערְט מַייל וַוייטֶער! הָאט עֶס אִים ווִידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען ווִידֶער, צוּם 'דְרִיטְן' (דְהַיְינוּ: דֶער 'בָּחוּר, דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן', אִיז ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ

אַ 'מֶלֶךְ' – דָאס אִיז שׁוין גֶעוֶוען דֶער 'דְרִיטֶער' – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט] דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה).

אוּן צוּ דֶעם 'דְרִיטְן' [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר נָאךְ מֶער 'סִימָנִים' גֶעזָאגְט – זֵייעֶר־גוּטֶע 'סִימָנִים'!

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט] – אוּן אִיז גֶעפָארְן אַהִין תֵּיכֶּף – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶער 'בַּת־קֵיסָר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט], דְהַיְינוּ: דִי 'יְפַת־תּוֹאַר'!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'שִׁיר' – אוּן הָאט אַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶעם 'שִׁיר' מִיט 'חָכְמָה', דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' – דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֲדוּת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט] (דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן') – וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר 'סִימָנִים', וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אִין אִיר 'חָתָן', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]).

לוּשְׁמִיר [נָאר], וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶער 'חָכְמָה' פוּן דֶעם 'שִׁיר' – אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי 'זִיבְּן עֶרְטֶער' נִישְׁט 'כְּסֵדֶר' (דְהַיְינוּ: לְמָשָׁל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט צוּ זָאגְן פְרִיעֶר דֶעם 'גְרוּבּ', אוּן דֶערְנָאךְ דִי 'מִקְוֶה' וְכוּ' – אוּן עֶר הָאט 'פַארְקֶערְט' גֶעזָאגְט) – וָוארְן סְ'אִיז אִים אַזוֹי אוֹיסְגֶעקוּמֶען עַל־פִּי 'חָכְמַת־הַשִּׁיר'.

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'אָרְט' (דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם 'אָרְט', וָואס וֶוער סְ'הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר, הָאט גֶעמוּזְט אוֹיף דֶעם 'אָרְט' אַרוֹיפְקוּמֶען, אוּן זָאגְן אַ 'שִׁיר' מִיט 'חָכְמָה', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]) – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט זַיין 'שִׁיר'.

וִוי זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי 'עֶרְטֶער' (דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן') – אִיז [דָאס] בַּיי אִיר אַ 'וִוילְד [ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען – אִיז אִיר גֶעפֶעלְן:

"אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי אִיר 'חָתָן'" – נָאר סְ'אִיז אִיר קָשֶׁה גֶעוֶוען, פַארְוָואס עֶר זָאגְט זֵיי נִישְׁט 'כְּסֵדֶר' – לוּשְׁמִיר [אָבֶער], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט הָאט זִי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: אֶפְשַׁר מַחֲמַת דֶער 'חָכְמָה' פוּן דֶעם 'שִׁיר', אִיז אִים [אַזוֹי] אוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער 'סֵדֶר'.

אִיז בַּיי אִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין הַארְץ: "אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין"! הָאט זִי אִים אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז זִי אִיז זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אִים"!

אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה' אוּן אַ 'רַעַשׁ': "בַּאֲשֶׁר [אַז] דִי 'יְפַת־תּוֹאַר' הָאט זִיךְ שׁוין גֶעפוּנֶען אַ 'שִׁידוּךְ'" – אוּן מְ'הָאט זִיךְ שׁוין גֶערֶעכְט [גֶעגְרֵייט] אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה'.

דֶערְוַויל [אִינְצְווִישְׁן] קוּמְט אָן דֶער 'אַנְדֶערֶער' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ', וָואס אִים הָאט אוֹיךְ דֶער 'בָּחוּר' אוֹיסְגֶעזָאגְט אַלֶע 'סִימָנִים', אוּן נָאךְ מֶער אַ 'סִימָן', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]).

אוּן דֶער 'אַנְדֶערֶער' – אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפְן אַהִין! הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי הָאט שׁוין אַ 'שִׁידוּךְ' גֶעטָאן"!

אוּן עֶר הָאט דֶערוֹיף נִישְׁט גֶעקוּקְט – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, הָאט עֶר אָבֶער אַ זַאךְ וָואס עֶר וֶועט אִיר זָאגְן, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודַאי פוּעֶלְן"!

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ') – אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיין 'שִׁיר'! אוּן דֶער 'אַנְדֶערֶער' – הָאט שׁוין מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' 'כְּסֵדֶר' – אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן נָאכְמֶער אַ 'סִימָן'!

הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט דֶער 'עֶרְשְׁטֶער'"?

זָאל עֶר זָאגְן דֶעם 'אֱמֶת'? אִיז זִיךְ [דָאס] פַאר אִים נִישְׁט גוּט (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער' הָאט זִיךְ

גֶעטְרַאכְט: עֶר קֶען אִיר נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דֶעם 'אֱמֶת', אַז דֶער 'בָּחוּר' הָאט [פַּאר] דֶעם 'עֶרְשְׁטְן' אוֹיסְגֶעזָאגְט – וָוארְן דָאס טוֹיג זִיךְ אִים נִישְׁט, אַז זִי זָאל דָאס וִויסְן!

הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר וֵויסְט נִישְׁט" (פוּן וַואנֶעט דֶער 'עֶרְשְׁטֶער' הָאט גֶעווּאוּסְט דִי 'סִימָנִים')! אִיז בַּיי אִיר, דָאס אַ 'ווִילְד' [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען – אוּן זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַּארְטוּמְלְט – וָוארְן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער' הָאט זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ אוֹיסְדֶערְצֵיילְט דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' – אוּן פוּן וַואנֶעט זָאל אַ 'מֶענְטְשׁ' וִויסְן דִי 'סִימָנִים'.

לוּשְׁמִיר [אָבֶער] פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, אִיז אִיר גֶעפֶעלְן: "אַז דֶער 'אַנְדֶערֶער', עֶר אִיז אִיר 'חָתָן'" – וָוארְן זִי הָאט גֶעזֶעהְן, אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט 'כְּסֵדֶר' [דִי 'זִיבְּן עֶרְטֶער'] – אוּן דֶערְצוּ [הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן] נָאךְ אַ 'סִימָן' מֶער – אוּן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער', אֶפְשַׁר אִיז דָאס אִים [אַזוֹי] אוֹיסְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶער 'חָכְמָה' פוּן דֶעם 'שִׁיר', וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי 'עֶרְטֶער' [נִישְׁט 'כְּסֵדֶר']?

נָאר זִי אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין (כְּלוֹמַר: זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן – אִיז זִי [דֶערִיבֶּער] גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין – אוּן הָאט שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין)!

אוּן דֶער 'בָּחוּר', דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – וִוי [וֶוען] דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ' הָאט אִים פַּארְשִׁיקְט – הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם 'דְרִיטְן' [מֶלֶךְ] – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט, גָאר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן עֶר הָאט אִים נָאךְ מֶער 'סִימָנִים' גֶעזָאגְט, זֵייעֶר-גוּטֶע 'סִימָנִים'.

אוּן פַאר דֶעם 'דְרִיטְן' [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעדְט גָאר זַיין 'הַארְץ': "בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'כְּתָב', וָואס אוֹיף דֶעם 'כְּתָב' אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' (דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן') – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְמָאלְן אוֹיף אַ 'פַּאפִּיר', דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' – אוּן זָאל אִיר [דָאס] בְּרֶענְגֶען"!

אוּן דֶער 'דְרִיטֶער מֶלֶךְ' – הָאט אוֹיךְ פַּארְשִׁיקְט דֶעם 'בָּחוּר נָאךְ וַוייטֶער צְווֵיי-הוּנְדֶערְט מַייל! אוּן דֶער 'דְרִיטֶער' [מֶלֶךְ] – אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפְן אַהִין – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען! הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז סְ'אִיז שׁוֹין דָא דָא דִי 'צְוֵויי' (דְהַיְינוּ: דִי 'צְוֵויי מְלָכִים' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודַאי פוֹעֶלְן"! אוּן דִי 'וֶועלְט' – הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט, פַארְוָואס זִי ווִיל דִי 'דָאזִיגֶע' בֶּעסֶער, אֵיידֶער [מֶער פוּן] אַנְדֶערֶע.

אוּן דֶער 'דְרִיטֶער' – אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען – אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיין 'שִׁיר', מִיט זֵייעֶר ווּאוּלֶע 'סִימָנִים', בֶּעסֶערֶע 'סִימָנִים פוּן דִי 'עֶרְשְׁטֶע' [צְוֵויי מְלָכִים]. אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן דָאס 'כְּתָב' (דְהַיְינוּ: וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין נָאכְגֶעמָאלְט [נָאכְגֶעמָאלְן] דִי 'עֶרְטֶער') מִיט דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' אוֹיסְגֶעמָאלְט!

אִיז זִי זֵייעֶר נִבְהַל גֶעוָוארְן (כְּלוֹמַר: דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְטוּמְלְט) – נָאר זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן קַיין שׁוּם זַאךְ – מַחֲמַת [ווייל] אוֹיף דֶעם 'עֶרְשְׁטְן' הָאט זִי זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין [דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן'] – אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דֶעם 'אַנְדֶערְן' [הָאט זִי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעמֵיינְט] – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אַז זִי וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גְלֵייבְּן, בִּיז מְ'וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען, אִיר אֵייגְן 'כְּתָב' אַלֵיין"!

נאמען: ____________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אָרימאַן (6)

**א. וועלכע סימנים האט ער איבערגעגעבן פאר דער קעניג פון יענע לאנד**
- ☐ די זיבן וואסערן
- ☐ די כתב וואס ער האט באקומען פון די בת קיסר
- ☐ די סימן אין וועלכע בוים ער האט באהאלטן די כתב

**ב. וואס האט דער קעניג געטאן פארן זון פון בערגיר?**
- ☐ ער האט אים פארשיקט הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים פארשיקט צוויי הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר א יעדנינראל

**ג. וואס האט דער זון פון בערגיר נאכדעם געטאן?**
- ☐ ער האט איבער געגעבן די סימנים פאר א אנדער קעניג און האט צו געלייגט נאך א סימן
- ☐ ער איז אליין געגאנגען צו די טאכטער פון קיסר
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען אין מדבר

**ד. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דער ערשטער קעניג?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך נישט משדך מיט אים ווייל די וואסערן זענען נישט לויטן ריכטיגן סדר
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ה. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דעם צווייטן קעניג?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געפרעגט פון וואו ווייסט דער ערשטער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ו. וואס האט געטוהן דער זוהן פון בערגיר נאכדעם וואס דער צווייטער קיסר האט אים פארשיקט?**
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן די סימנים
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען צום ערשטן קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים

**ז. וואס נאך האט דער זון פון בערגיר דערציילט פאר'ן דריטן קיסר?**
- ☐ אז ער האט געהאט א כתב וואס ס'איז געווען אויסגעמאלט אלע פלעצער
- ☐ אז ער זאל זיך אויס מאלן אויף א פאפיר די זיבן וואסערן און זאל איר עס ברענגען
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר'ן דריטן קעניג וואס האט איר געוויזן די כתב וואס ער האט נאכגעמאלען די זיבן וואסערן?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי איז שוין משודך מיט דער פריעדיגער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז מען וועט איר ברענגען איר אייגן כתב אליין

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### ביבער מעראכע

**אויף וועמען דערציילט דער רבי ביי די מעשה - אז ער האט געזאגט ליגנט ?**

תשובות פון פאריגע וואך:
מיט וועלכע זאך איז דער בן הבערגיר געראטן צו די בת קיסר ?
ביידע האבן געקענט חכמת השיר.



**דער געווינער פון בערגיר ווען #4 איז: הילד החשוב נחמן דוב היילפרין, בית שמש. **1918**
**מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייניין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## וואו איז יוֹשֶׁר?

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַמָאל צְוֵויי אִינְגֶעלַייט אִין אַ שְׁטָאט, וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל הָאט אֵיין אִינְגֶערְמַאן בַּאמֶערְקְט אַז זַיין חַבֵר אִיז אַבִּיסְל פַארְקְרָאכְן פוּנֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אוּן גֶעטוּן עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט, 'סְ'הָאט נָאר אֵיינְמָאל פַּאסִירְט'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ צַייט הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר טוּט נָאךְ מֶער אַן אוּמְאֵיידֶעלֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ עוֹבֵר אוֹיף אַן עֲבֵרָה, הָאט עֶר פוּן דַאן זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם חַבֵר.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוען בֵּיידֶע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַרָאפּ פוּן דִי קֶעסְט פוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט לַיידֶער גֶעטוּן דִי עֲבֵרָה אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ רִיזְן עוֹשֶׁר, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז לֹא-עָלֵינוּ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, אִין הַארְץ הָאט דֶער גֶעהַאט פַּארְאִיבְּל אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס פִירוּנְג טְרַאכְטְנְדִיג צוּ זִיךְ, 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַז מַיין חַבֵר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אַן עֲבֵרָה, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא רַייכְקַייט?'.

דֶער אָרִימַאן הָאט אַמָאל גֶעזֶען אוֹיף עֶפֶּעס אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס שְׁטֵייעֶן אַ גְרוּפֶּע וָואס לָאזְן הֶערְן קוֹלוֹת אוּן קְלַאפֶּענִישְׁן מִיט הוֹיפֶענְס גֶעלְט. דֶער אָרִימַאן טְרֶעט נֶענְטֶער צוּ אוּן זֵיי רוּפְן זִיךְ אָן: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס בַּאלַאנְגְט פַאר דֶעם עוֹשֶׁר (זַיין אַמָאלִיגֶער חַבֵר)".



זָאגְט עֶר צוּ זִיךְ: "הָא, יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט" אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "פַארְוָואס קוּמְט אִים דָאס גֶעלְט וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן גֶעזֶען וִוי עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַן עֲבֵרָה?".

עֶנְטְפֶערְן זֵיי: "פוּן דֶעם טָאג וָואס עֶנְק זֶענֶען אַרָאפּ פוּן דִי קֶעסְט פוּן עֶנְקֶער שְׁוֶוער, פוּן דַאן הָאט זִיךְ דַיין חַבֵר גֶעמַאכְט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אוּן אַ מָאס תּוֹרָה, אָדֶער דוּ בִּיזְט נִישְׁט עוֹסֵק אִין תּוֹרָה דֶערִיבֶּער גִיבְּט מֶען דָאס גֶעלְט פַאר דַיין חַבֵר.

טְרָאץ וָואס דֶער חַבֵר הָאט לַיידֶער עוֹבֵר גֶעוֶוען אַן עֲבֵרָה, אָבֶּער דִי גְמָרָא זָאגְט אַז "עֲבֵרָה מְכַבָּה מִצְוָה וְאֵין עֲבֵרָה מְכַבֶּה תּוֹרָה - אַן עֲבֵרָה לֶעשְׁט אוֹיס אַ מִצְוָה אָבֶּער אַן עֲבֵרָה קֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן תּוֹרָה (סוֹטָה כ"א)" אוּן דִי וֶוערְטֶער וְאֵין עֲבֵרָה מְכַבֶּה תּוֹרָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת מָעוֹ"ת.

(שיחות הר"ן קל"ז)

הגליון נתנדב לע"נ
האה"ח יוטא בת ר' משה יונה ע"ה